ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר

## פרשת משפטים

אידיש

**518**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק
# שמונה-עשר

## • משפטים •

אין דעם פרק ווערט אַראָפּגעברענגט אַ תפילה פאַר דעם וואָס וויל תשובה טוהן, און אויך די דינים פון דעם מענטש און זיינע קינדער, און וועגן די רוחות.

דער הייליגער גאון וצדיק ר"ר הלל קאלאמייער זצ"ל האָט עדות געזאָגט אַז דער "שבט מוסר" האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און אַזוי האָבן גרויסע צדיקים וקדושים אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געברענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען.

בס"ד

# אינהאַלט
## פון אַכצענטער פרק


א. אַ תפילה פאַרן מענטש וואָס וויל תשובה טוהן.........ג

ב. אַ תפילה פאַרן מענטש וואָס וויל תשובה טוהן.........ז

ג. דינים פון מענטש און זיינע מעשים, כדי ער זאָל וויסן די שרעקליכע צרות וואָס גייען אַריבער אויף אים, וואָס דורך דעם וועט אונטערטעניג ווערן זיין האַרץ וואָס הערט עס, און וועט זיך פאַרמיידן פון זינדיגן.......................................................יג

ד. אַ מעשה מיט אַן עושר וואָס ער האָט דערציילט נאָך זיין טויט וועגן די שטראָף וואָס ער האָט באַקומען צוליב דעם וואָס ער האָט אָפגעשוירן זיין באָרד מיט אַ שערל..............................יד

ה. אַ מעשה מיט אַ אָקס וואָס האָט דערציילט צו אַ מענטש אַז ער איז אַ גלגול פון אַ נשמה, און ער האָט געבעטן מען זאָל אים שחט'ן......................טז

# פרק שמונה-עשר

## אַ תפילה פאַרן מענטש וואָס וויל תשובה טוהן

## תפילה בלשה"ק

**יבא המבקש והחפץ הפתח ליכנס בה לשוב אל ה'. וכה יאמר:**

**רבונו** של עולם אדון הסליחות והרחמים יוצרי מושיעי מגיני וקרן ישעי משגבי לעד. פשפשתי וחקרתי ודרשתי ודקדקתי ולא מצאתי דבר לבא לפניך בתפלה ותחנה שתמחול ותסלח ותכפר לעבדך בן אמתך כי אם בהגיד לפניך שהכרתי שפלותי ודלותי דקותי ואפלתי וחסרוני. והכרתי מעט מזעיר מרוממותיך ורחמיך וחסדיך הרבים. ידעתי שאתה אלהי האלהים ואדוני האדונים מלך מלכי המלכים מוכתר בכתרי כתרים. חי יחיד ומיוחד על כל המיוחדים בורא יוצר ועושה אין אלוה מבלעדיך אין מלך זולתך. אתה בעובר ובהווה ובעתיד ואין מי שיאמר לך מה תעשה ומה תפעל כי מלכותך בכל משלה. כל דרכיך יושר צדק ומשפט אל אמונה ואין עול צדיק וישר. אתה חפץ חסד תמיד מצדיק בריותיך מורה חטאים הדרך ילכו בה למצוא חיים. מרחם חנם על כל מעשה ידיך. אתה מעיינו של עולם משגיח בעליונים ובתחתונים, השגחתך על הכלל ועל הפרט. זן ומפרנס מקרני ראמים ועד ביצי כנים, אבי יתומים ודיין אלמנות האל הגדול הגבור והנורא שומר הברית והחסד לאוהביך ולשומרי מצותיך. אל רחום וחנון ארך אפים ורב חסד ואמת וכו'. אינך מקפח שכר שום בריה אפילו מהמכעיסים לפניך. מקבל שבים ומשלם שכר לכל צדיק י"ש עולמות וש"ם עולמות מתנה שנאמר שם עולם אתן לו כדאיתא באותיות ר' עקיבא במתנה שלך תוספת על העיקר. אשר מי אל בשמים ובארץ אשר יעשה כמעשיך וכגבורותיך. ואני בשר ודם אפר דם מרה בושה סרוחה רימה גוש עפר נוד מלא צואה כלי מלא בושה וכלימה גוף נגוף מלא אספסוף קצר ימים ושבע רוגז. ריח קימעא מפילני צל פחד ואימה ממיתני. יסודי עפר

אחריתי רימה דרכי ליסורין נתיבתי לפשעים מעגלי למיתה לשוב לאין כאילו לא הייתי. אתה מלך מוכתר בכתרי כתרים ואני דל ורזה אביון ונבזה בזוי ושסוי שפל אפל ונופל ונעדר וחסר. אתה מקור החכמות ואני טיפש אויל סכל כסיל ומשוגע. אתה מקור הבינות ואני מקור ההבלים והחסרונות והשבושים הטעיות והמכשולות. אתה מקור החסדים ואני מקור הנבלות והכיליות והקמצנות וההקפדות. אתה מקור הגבורות ואני מקור הכיעור והשחרות והדופי והמומים והשינויים. אתה מקור הנצח לנצח נצחים אין לך לא ראשית ולא תכלית ואני מקור ההבל קיר נטוי צל עובר שנותי אין וחיי אפס ותהו. אתה מקור האור הזיו וההוד וההדר ואני מקור האופל והחשך והצלמות. אתה מקור היסודות ואני מקור העקירות וההריסות והנפילות והמכשולות. אתה מקור המלכות ואני מקור העבדות והשעבוד והסבלות והמשאות הכבדות. וכיון שכן כל מה שאתה מוציא מאוצרותיך להשפיע על האדם אינו אלא כי אם על היותך מקור החוסד והרחמים. כי מה אדם מקור החסרונות שישגיח עליו מקור השלמות והמעלות. לכן אל תביא במשפט את עבדך כי לא יצדק לפניך כל חי. וכשם שנתגדלת ונתרוממת על הכל. כך יתרוממו חסדיך ורחמיך על יתוש נתוץ כמוני. למחול לי על מה שחטאתי והעויתי ופשעתי לפניך מיום שהוצאתני מרחם אמי עד יום מותי. ה׳ שמעתי שמעך יראתי ואימת מות נפלה עלי וכל עצמותי התפרדו ונתפקקו כל חוליות שבשדרי והייתי כלא הי׳ וכדבר שלא בא לעולם. ואיך אבוא לפניך לדין כי לא נשאר ממני מאומה. ואם בכחך הגדול תחזור לברוא אותי ותעמידני בעל כרחי למשפט לפניך מה אוכל להשיב כי אם להגיד האמת שאני רשע ואתה צדיק ועם כל החסד שגמלתני בצדקתך רעה גמלתיך. הנה מה שאני עתיד לומר לפניך ביום הדין מעתה בחיים חיותי אני מודדה בזה וא״כ למה לך להביא ולהכניס ולהעמיד לפני ב״ד הצדק רב הטומאה והמהומה גדול השיקוץ והתלאה מעוטף מבית ומחוץ בחלאת צואת עונותיו. יתגלגלו רחמיך וחסדיך אלי לקבלני בתשובה ולטהר טומאת עונותי. ואע״פ שהקשיתי

לשאול, כיון שכל הדעות מסכימים שהחוטא לפני מלך כמוך אין לו כפרה עולמית. אך בטחתי ועל זאת סמכתי שכפי גודל שפלותי כך גודל רחמיך. שאין מחשבותיך ודעתך כמחשבות ודעות בני אדם. שכל כך שהם מחייבים אתה מזכה. שהם מקור האכזריות ואתה מקור הרחמים ואיך ישוו ויסכימו קצוות אלו יחד. ובהבטחה זאת השלכתי מסוה הבושת מעל פני ושמתי פני כחלמיש לאחוז בכנפי רחמיך שתרחמני ותקבלני בתשובה לפניך ואל תשיבני ריקם. ולך החסד ולי בושת הפנים והמיסך המבדיל שעשיתי עם חטאתי מחה כענן ברוב צדקתך. וחומת ברזל שבניתי עם עונותי הרוס ברוב ענותנותך. ומבצר נחושת שהחזקתי עם פשעי. כלה ברוב חסידותך. ותטבלני במקור רחמיך וטהרני בים חסדיך וכבסני במימי צדקתך. ורחצני בטל ענותנותך להחיות אותי ולהחזירני בריה חדשה. ואם רבו עלי קטרוגים לעכב על רוע מעללי, קבלני בחתירה שתחת כסא כבודך והסתר אותי בצל כנפי רחמנותך ואל תמסור יגיע כפיך ביד המשחית צלם דמות תבניתו צורתו כעורב וכשולי קדרה. עשה לכבוד שכינתך שנתנה עצה לברוא אותי שנאמר ויאמר אלהים נעשה אדם בצלמנו כדמותנו. חמול ורחם על עבד דופק בדלתי חסדיך ורחמיך בדמעות כמעיינות ואנחות בשברון מתנים ומרירות תאנח. שאין כח במי שעפר יסודו לבנות מה שהרס בחטאיו ומה שקלקל בעונותיו ומה שהחריב בפשעיו אלא ברוב החרטות והודיות ועזיבת דרכי טנופיו. ואתה המתקן והבונה תחשב לפניך הרצון למעשה והמחשבה לפועל והדברים לבנין. ויחשב לפני כסא כבודך כאילו בניתי בידי ממש מה שהרסתי והחרבות שהחרבתי. כי בידך הכח והגבורה והמלכות והממשלה לעשות רצוני ומחשבתי ודבורי, מעשה ממש. ואם ח"ו עם כל זה לא תקבלני בתשובה כפי חיוב הדין על רוב פשעי ותעזבני. אני איני עוזבך ואיני מתיאש מרחמיך. כי ידעתי כי אל חפץ חסד אתה ועמך הסליחה ובראת התשובה, רטיה מועלת לכל מין מכה וחלי.

**רבונו** של עולם, אין עוד מענה בפי לדבר לפניך ומה נאמר ומה נדבר

ומה נצטדק. דאף לזאת יחרד לבי ויתר ממקומו שאין לי על מי להתרעם עליו שגרם בחטאי כדי להשליך עליו חובתי ולהקל ממני המשא. שאם אני מתרעם על אמי שנתקשטה בפני אבי שיתן דעתו עליה, ומאותה שעה נתעברה ממנו ונמצא גרמה יציאתי בעולם, אין לי מקום להתרעם עליה, כי היא עשתה המוטל עליה במאמר פיך ולי קדמה צוויך כבד את אביך ואת אמך. ואם מתרעם אני על המזלות שסייעו ליצירת איברי, איני יכול, דמוכרחים במעשיהם היו, שלא לשנות את תפקידם. ואם מתרעם אני על מלאך הממונה על ההריון, איני יכול, שעל זה שמת אותו וקיים צוויך. ואם על היום שנולדתי בו אני מתרעם, איני יכול, כי בו פתחת דלתי בטן אמי והוצאתני בו ביום בעל כרחי. אם מתרעם אני על המילדת שקבלתני ותיקנה איברי, איני יכול, שדעתה היתה להחיותי נפש לעבדך. והוא עצמו מה שכוונו אבי ואמי והמלאך הממונה על ההריון והמזלות והיום שנולדתי בו להעמיד בריה מוכנת ומזומנת לעשות תורה ומצות לקיים רצון יוצרו. גם אין לי מקום להתרעם על שום אדם, כי לא נתיעצתי עם שום בריה לחטוא לפניך, כי נכנסתי חדר בחדר, שלא יראני אדם, שאפשר אם נתיעצתי עמהם היו מוחים בידי. כלל העולה שאיני מוצא על מי להתרעם שגרם בחטאי, כי אם על עצמי בעצמי, כי פתאום ראיתי חיה במו ארב ומיד במעונותיו שכנתי רעם עלי בקול גאונו ולדברו לבי נטיתי. ראיתיהו צוררי ואויבי מבקשי רעתי, ועם כל זה לא עזבתיהו עד שהמשלתיהו עלי והכריחני בכל דרכיו הרעים והמקולקלין עד שנטבעתי בטיט היון עד צוארי וכשהגיע הטיט לפי ליכנס בגרוני, נתעוררתי לבקש הצלה לנפשי, כי ראיתי בצרה אשר מצא לי, ואמרתי אולי אוכל נכה בו. ובקשתי אופן הצלתי כיצד ונטה לבי לכל אופני הצלה שיש תחת האפשר, ולא מצאתי זולת לקרוא אליך תמיד. שאין מי יוכל לסלוח ולרחם אלא אתה יוצרי וגואלי, כי אתה אדון כל הנשמות. נאה לאדון לכפר לעבד המתחנן לפניו, אע"פ שהרבה העבד לחטוא לפניו, שהעבד עשה כעבד בזוי, והאדון צריך לעשות כאדון רב הפעולות, ובפרט

לעבד אשר בשם ישראל יכונה, דשם אֵל נתן בשמו כשם שרי המרכבה מיכאל גבריאל. וגם איברי כל אחד מישראל הם כלי קודש להשראת השכינה, כדכתיב ושכנתי בתוכם בתוך כל אחד שכינה שריא כארז״ל. ואף על פי שיצאו לחולין בטומאת החטאים, על ידי טבילת התשובה הם חוזרים לטהרתם. לכן נמסרתי בידך רבון העולמים, שתטהרני במה שדינה הצדק מחייב. אך מפיל אני תחינה לפני כסא כבודך, שכשם שאתה עושה חסד עמי לקבלני בתשובה לטהרני, שיגדל חסדך עלי, שלא יהי׳ טהרתי במים המרים היסורין והחולאים הקשים, כי אם מירוק מעט מעט באופן שאפרע חובתי בלי הרגש, שאם ח״ו יהי׳ טבילת טהרתי במים אדירים והיסורין הקשים, יכנסו המים בגרוני ויחנקו אותי ונמצא חרס בידי. ואע״פ שהדין מחייב מירוק עונותי רוב יסורין קשים, חלותי היא, שיכופו רחמיך על מדותיך ותתנהג עמי במדת החסד, שעל החסד נתייסדה עולמך שנאמר אמרתי עולם חסד יבנה. ובהיותך רבוש״ע עושה חסד עם חוטא כמוני, שלא נשאר בי אבר שלא הכעסתיך בו, ממני יראו וכן יעשו כל החוטאים לשוב אליך, בנושאם ק״ו ממני שקבלתני. וכל שכן כל מי שלא חטא כמוני. ובזכות, שממני הם ילמדו לשוב החוטאים אצלך. מחול והעבר פשעי מנגד עיניך כמדתך הטובה שאין אתה מקפח שכר שום בריה. יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך ה׳ צורי וגואלי.

## אַ תפילה פאַרן מענטש וואָס וויל תשובה טוהן

## באידיש

**א. יבא המבקש,** דער וואָס באַגערט און וויל די טיר פון תשובה, זאָל ער אַריינקומען אין איר, און אַזוי זאָגן:

**רבונו של עולם,** דער האַר פון דער וועלט, האַר פון פאַרגעבונג און דערבאַרימקייט, מיין העלפער, מיין באַשיצער,

איך האָב געזוכט און איך האָב נישט געפונען קיין זאַך דערמיט צו קומען פאַר דיר מיט געבעט אַז דו זאָלסט מיר מוחל זיין און פאַרגעבן,

נאָר אַז איך וועל זאָגן פאַר דיר אַז איך האָב דערקענט מיין נידעריקייט, מיין אָרימקייט, מיין פינצטערקייט און מיין חסרון, און איך האָב גאָר ווייניג דערקענט פון דיין הויכקייט און דיין רחמנות און דיינע פילצאָליגע חסדים.

**ידעתי,** איך ווייס אַז דו ביסט אַ גאָט איבער אַלע מלאכים, אַ האַר איבער אַלע האַרן, אַ קעניג איבער אַלע קעניגן. דו ביסט געקרוינט מיט פיל קרוינען. דו ביסט אַ לעבעדיגער גאָט און דער איינציגער באַשעפער. עס איז נישטאָ קיין גאָט אויסער דיר. דו ביסט געוועזן אַ גאָט פריער, איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, און דו ביסט אַ גאָט איצט, און דו וועסט זיין איין איינציגער גאָט ביז אייביג. עס איז נישטאָ עמיצער וואָס ער זאָל דיר זאָגן וואָס צו טוהן, ווייל דיין קעניגרייך געוועלטיגט איבער אַלעמען.

**כל,** אַלע דיינע וועגן זענען רעכטפאַרטיג. דו טוסט נישט קיין אומרעכט. דו ווילסט שטענדיג טוהן גענאַד. דו מאַכסט שטענדיג גערעכט דיינע באַשעפענישן און דו ווייזט די זינדיגע דעם וועג אין וועלכן זיי זאָלן גיין צו דערגרייכן דאָס לעבן. דו דערבאַרעמסט זיך איבער אַלעם. דו ביסט דער קוואַל פון לעבן. דו ביסט דער אויפזעער אויף די אויבערשטע און הינטערשטע באַשעפענישן. דיין השגחה איז אויף יעדן באַזונדער. די שפייזט און דו ביסט מפרנס פון גרויס ביז קליין. דו ביסט דער פאָטער פון יתומים און דער דיין פון אלמנות. דו ביסט דער גאָט, דער גרויסער און שטאַרקער און פאָרכטיגער, דו היטסט די זיכערהייט און דעם גענאַד, צו די וואָס האָבן דיך ליב, און צו די וואָס היטן דיינע מצוות. דו ביסט אַ דערבאַרעמדיגער און לייטזעליגער גאָט. דו פאַרלענגערסט דיין צאָרן און דו טוסט גענאַד און אמת.

**אינך,** דו פאַרקירצסט נישט דעם שכר פון יעדע באַשעפעניש, אַפילו פון די וואָס דערצערענען דיך, דו באַצאָלסט זיי אויך זייער

שכר פאַר זייערע מעשים טובים. דו נעמסט אָן דעם מענטש וואָס טוט תשובה און דו באַצאָלסט שכר צו יעדן צדיק. וואו איז נאָך דאָ אַ גאָט אין הימל און אויף דער ערד וואָס ער זאָל טוהן אַזוי ווי דיינע מעשים און אַזוי ווי דיין שטאַרקייט.

**ואני,** און איך בין בלוט און פלייש, אַש, גאַל, ווערים, אַ שטיק ערד פול מיט בושה און שאַנד, קורצע טעג און זאַט מיט צאָרן. מיין גרונד איז ערד, מיין סוף איז ווערים, מיין וועג איז צו יסורים, מיין שטעג איז צום טויט. דו ביסט אַ קעניג וואָס איז געקרוינט מיט פיל קרוינען און איך בין אָרים און מאָגער, פאַרשעמט און נידעריג, און אַלץ וואָס דו גיסט פון דיינע אוצרות משפיע צו זיין אויף דעם מענטש, איז דאָס נאָר ווייל דו ביסט דער קוואַל פון חסד און דערבאַרעמדיגקייט.

**לכן,** דעריבער בעט איך דיך, דו זאָלסט נישט קומען צום משפט מיט דיין קנעכט, ווייל קיין שום לעבעדיגע באַשעפעניש וועט נישט זיין גערעכט פאַר דיר.

**וכשם,** און אַזוי ווי דו ביסט דערהויבן איבער אַלעם, אַזוי זאָלן דערהויבן ווערן דיינע חסדים און דיין רחמנות אויף אַזאַ צושטויסענע פליג ווי איך בין.

**דו** זאָלסט מיר מוחל זיין אויף דעם וואָס איך האָב געזינדיגט אומגערן און במזיד פון דעם טאָג אָן ווען דו האָסט מיך אַרויסגעצויגן פון מיין מוטער'ס בויך ביז דעם טאָג פון מיין טויט.

**באַשעפער,** איך האָב געהערט וועגן דיין גרויסקייט, טוה איך מיך פאָרכטן און טויט-שרעק איז אויף מיר געפאַלן, און ווי אַזוי וועל איך קומען פאַר דיר צום משפט, אַז פון מיר וועט גאָרנישט איבערבלייבן, און אויב מיט דיין גרויסן כח וועסטו מיך ווידער באַשאַפן און דו וועסט מיך מיט געוואַלד שטעלן צום משפט פאַר דיר, נו וואָס קען איך דען מער ענטפערן ווי צו זאָגן דעם אמת אַז איך בין אַ

רשע און דו ביסט גערעכט, און פאַר די אַלע חסדים וואָס דו האָסט מיט מיר געטוהן אַזוי ווי דיין צדקות איז, האָב איך דערפאַר גאָר שלעכטס געטוהן. נו, וואָס איך וועל זאָגן פאַר דיר ווען דו וועסט מיך ברענגען צום דין, בין איך מודה יעצט, ביי מיין לעבן.

**וא״כ,** און פאַרוואָס זאָלסטו מיך ברענגען פאַר דיין גערעכטן בית דין, זאָל דיין רחמנות און דיינע חסדים זיך דערוועקן איבער מיר, מיך אָנצונעמען מיט תשובה און צו רייניגן מיינע זינד.

**ואע״פ,** און כאָטש איך בעט דאָ זייער אַ שווערע זאַך, נאָר איך האָב זיך פאַרזיכערט אין דעם, ווייל ווי גרויס מיין נידעריגקייט איז, איז נאָך פיל גרעסער דיין רחמנות, ווייל דיין מחשבה און דיין דיעה איז נישט אַזוי ווי די מחשבות און דיעות פון מענטשן, וואָס ווי שולדיג זיי זענען מאַכסטו זיי פאָרט גערעכט, ווייל זיי זענען דער קוואַל פון אכזריות און דו ביסט דער קוואַל פון רחמנות.

**ובהבטחה,** און דורך די פאַרזיכערונג האָב איך אַראָפּגעוואָרפן די בושה פון מיין פנים, זיך אָנצוהאַלטן אין די פליגל פון דיין רחמנות, און איך בעט דיך אַז דו זאָלסט זיך דערבאַרעמען איבער מיר און דו זאָלסט מיך אָננעמען מיט אַ רעכטע תשובה פאַר דיר, און דו זאָלסט מיך נישט אומקערן ליידיג, און דעם צווישנשייד וואָס איך האָב געמאַכט צווישן מיר און דיר דורך מיינע זינד, מעק עס אָפּ מיט דיין פיל צדקות און גרויס גענאַד, און טובל מיך מיט דיין רחמנות און גענאַד אין וואַסער פון דיין צדקות, צו מאַכן מיך לעבן ווי אַ ניי באַשעפעניש.

**ואם,** און אויב די מקטריגים זענען פיל, נישט צוצולאָזן מיין תשובה, נעם אָן מיין תשובה אונטער דיין כסא הכבוד און גיב מיך נישט איבער אין דער האַנט פון שטן. דערבאַרעם זיך איבער דיין קנעכט וואָס קלאַפּט אין די טירן פון דיינע חסדים און רחמנות מיט טרערן און זיפצן.

**ואם,** און אויב דו וועסט ח"ו מיך פאָרט נישט אָננעמען מיט מיין תשובה, צוליב מיינע פילע זינד, און דו וועסט מיך פאַרלאָזן, פונדעסטוועגן וועל איך דיך נישט פאַרלאָזן און איך בין זיך נישט מייאש פון דיין רחמנות, ווייל איך ווייס אַז דו ביסט אַ גאָט וואָס באַגערט גענאַד און דו האָסט באַשאַפן די תשובה, וואָס זי איז אַזוי ווי אַ פלאַסטער וואָס העלפט צו אַלערליי שלעק און קראַנקהייטן.

**רבונו של עולם,** איך האָב שוין מער נישט קיין רייד אין מיין מויל צו רעדן פאַר דיר. וואָס זאָל איך זאָגן און מיט וואָס זאָל איך זיך גערעכט מאַכן. איך האָב נישט אויף וועמען מתרעם צו זיין אַז איך זאָל אויף אים אַרויפוואַרפן מיינע זינד און עס זאָל גרינגער מאַכן פון מיר.

**שאם,** זאָל איך מתרעם זיין אויף מיין מוטער וואָס איך בין דורך איר געקומען אויף דער וועלט. זי האָט דאָך געטאָן די מצוה וואָס איז אויף איר, און אויף מיר איז דיין געבאָט "**האַלט ערליך דיין פאָטער און דיין מוטער**".

**ואם,** זאָל איך מתרעם זיין אויף די מזלות וואָס האָבן געהאָלפן צו מיין באַשאַפונג, קען איך נישט, ווייל זיי האָבן געטוהן זייער געבאָט.

**ואם,** זאָל איך מתרעם זיין אויף דעם טאָג וואָס איך בין געבוירן געוואָרן, קען איך נישט, ווייל דו האָסט מיך אַרויסגעצויגן אין דעם זעלביגן טאָג מיט געוואַלד.

**ואם,** זאָל איך מתרעם זיין אויף די הייבאַם וואָס זי האָט אויסגעגליכן מיינע גלידער, קען איך נישט, ווייל איר כוונה איז געווען צום גוטן, און דאָס זעלבע האָבן מיין פאָטער און מוטער אויך מכוין געווען צו האָבן אַ קינד וואָס זאָל מקיים זיין תורה און מצוות און זאָל טאָן דעם ווילן פון דעם באַשעפער. איך האָב נאָר מתרעם צו זיין אויף מיר אַליין.

**ראיתיהו,** איך האָב געזען מיין פיינט וואָס באַגערט מיין בייז און איך האָב אים נישט פאַרלאָזט ביז איך האָב אים געמאַכט געוועלטיגן איבער מיר, ביז איך בין איינגעזונקען געוואָרן אין ליים ביז מיין האַלדז, ערשט דאַן האָב איך מיך דערוועקט צו זוכן אַ רעטונג.

**ובקשתי,** איך האָב געגעבן מיין האַרץ צו אַלע אופנים פון רעטונג וואָס עס איז מעגליך צו באַקומען, האָב איך מער נישט געפונען נאָר צו רופן שטענדיג צו דיר, ווייל עס איז נישטאָ קיינער וואָס זאָל זיך קענען דערבאַרעמען נאָר דו, מיין באַשעפער, מיין אויסלייזער, ווייל דו ביסט דער האַר פון אַלע נשמות.

**נאה,** עס איז שיין צו אַ הער, ער זאָל פאַרגעבן צו זיין קנעכט וואָס בעט פאַר אים, כאָטש דער קנעכט האָט פיל געזינדיגט פאַר אים.

**ובהיותך,** און אַז דו, האַר פון דער וועלט, וועסט טאָן גענאַד מיט אַזאַ זינדיגן מענטש ווי איך בין, וועלן אַלע זינדיגע מענטשן זען און זיי וועלן אויך תשובה טוהן, ווייל זיי וועלן זאָגן, מה דאָך דו האָסט מיך אָנגענומען בתשובה, וואָס איך האָב אַזוי פיל געזינדיגט, איז שוין אַ כל שכן אַז דו וועסט אָננעמען זייער תשובה, וואָס זיי האָבן נישט אַזוי פיל געזינדיגט, און אין דעם זכות וואָס פון מיר וועלן די זינדיגער זיך אָנלערנען תשובה צו טוהן, זיי מיר מוחל אויף מיינע זינד, אַזוי ווי עס איז דיין גוטע מדה נישט צו פאַרקירצן דעם שכר פון קיין שום באַשעפעניש. עס זאָלן זיין באַוויליגט די רייד פון מיין מויל און די טראַכטונג פון מיין האַרץ צו דיר, גאָט, מיין באַשעפער און מיין אויסלייזער.

**דינים פון מענטש און זיינע מעשים, כדי ער זאָל וויסן די שרעקליכע צרות וואָס גייען אַריבער אויף אים, וואָס דורך דעם וועט אונטערטעניג ווערן זיין האַרץ וואָס הערט עס, און וועט זיך פאַרמיידן פון זינדיגן.**

**ב. והנני,** איך וועל שטעלן פאַר דיר די דינים פון דעם מענטש, דורכדעם ווערט זיין האַרץ אונטערטעניג און ער וועט זיך פאַרמיידן פון זינדיגן.

**הנה,** אין דער צייט ווען דער מענטש ווערט באַשאַפן, ווערט אים אויסגעזעצט וויפיל יאָרן ער זאָל זיין אויף דער וועלט נאָך די יאָרן וואָס דער באַשעפער ברוך הוא איז גוזר אויף די נשמה אַז זי זאָל זיין אין דעם גוף.

**והנה,** און אויב דער מענטש שטאַרבט פאַר זיין צייט, קען די נשמה נישט אַרויפגיין תיכף אין הימל אָפּצוגעבן אַ חשבון פון אירע מעשים, ביז עס לאָזן זיך אויס די טעג וואָס זענען אויף איר נגזר געוואָרן אַז זי זאָל זיין אויף דער וועלט. זי שטייט אין גן עדן התחתון, אָדער אויף אַן אַנדער אָרט וואָס זי האָט גאָר קיין תענוג נישט, און קיין צער טוט מען איר אויך נישט. אָבער דאָך האָט זי ממילא צער ווען זי געדענקט אין דעם תענוג וואָס זי האָט געהאַט פריער איידער זי איז באַשאַפן געוואָרן, אָדער צום וויניגסטן וואָס זי וואָלט געהאַט ווען זי וואָלט גערוהט אין אַ לויטערן גוף און אין אַ גאָט׳ס פאָרכטיגן מענטש.

**והנה,** די נשמה גייט צו דעם גוף אין קבר אַריין און פלייסט זיך צו טוהן איר ווערק אין דעם גוף גלייך ווי ביי זיין לעבן, אָבער זי קען עס נישט טוהן, און פונדעסטוועגן מאַכט זי דעם גוף וואַקסן די האָר און די נעגל און נאָך ענליכע זאַכן, און זי בלייבט שטיין דאָרט און וויינט אויף דעם גוף, און אַז דער גוף ווערט פאַרלענדט גייט אינגאַנצן אַוועק דאָס לויטערקייט פון דער נשמה.

## אַ מעשה מיט אַן עושר וואָס ער האָט דערציילט נאָך זיין טויט וועגן די שטראָף וואָס ער האָט באַקומען צוליב דעם וואָס ער האָט אָפּגעשוירן זיין באָרד מיט אַ שערל

**ג. ואף על פי,** און כאָטש אַז די ווערטער פון אונזערע רבי׳ס זכרונם לברכה דאַרפן נישט קיין חיזוק, ווייל זיי זענען אמת פאַר זיך. פונדעסטוועגן, כדי עס זאָל באַווירקן דעם הערער, וועל איך איבערשרייבן די ווערטער פון הרב בעל ״יין המשומר״, און אָט אַזוי שרייבט ער: ״**ולא תשחית את פאת זקנך**״, דו זאָלסט נישט פאַרדאַרבן די ברעגעס פון דיין באָרד, אַפילו מיט אַ שערל. האָט געשריבן הרב זלמן בן הרב רבי יהודה החסיד ז״ל: ווען איך האָב געלערנט אין שפייאר פאַר הרב רבי ידידי׳ זלה״ה, האָב איך געפונען אין זיין בית-מדרש אויפגעשריבן מיט די האַנטשריפט פון רבי זלמן: מיין לערער מיין פאָטער דער חסיד זכרונו לברכה האָט מיר געזאָגט, אַז אין זיינע צייטן איז פאָרגעקומען אַ מעשה מיט אַ עושר אין שפייאר וועלכער האָט זיך געשאָרן די באָרד מיט אַ שערל, מיין פאָטער האָט מוחה געווען און דער עושר האָט ווייטער געטאָן זיינס, ער האָט זיך פאַרענטפערט: איך בין אַ איסטניס און איך קען נישט ליידן קיין באָרד! האָט אים מיין טאַטע געזאָגט: וויסן זאָלסטו, אַז דער סוף דיינער וועט זיין ביטער. ווייל נאָך דעם ווי דו וועסט שטאַרבן וועלן קומען די שדים וועלכע זענען אויס ווי קי און וועלן טרעטן אויף די ברעגן פון דיין באָרד, ווייל דאָס איז די שטראָף קעגן די וועלכע שערן די באָרד. און דו זאָלסט וויסן, אַז דאָס איז אָנגעדייטעט אין דער תורה: ״**לא תקיפו פאת ראשכם ולא תשחית**״ - ראשי-תיבות ״פרות״, (קוען).

**וכשנפטר,** און ווען דער עושר איז געשטאָרבן, זענען דאָרט געווען אַלע גדולים פון די שטאָט שפייאר, און מיין טאַטע צווישן זיי, און ער האָט גענומען אַ שם און האט געוואָרפן אויף דעם עושר, און ער האָט זיך גלייך אויפגעשטעלט אויף די פיס, און אַלע

אַרומיגע זענען אַנטלאָפן פון שרעק. און דער געשטאָרבענער האָט זיך גענומען רייסן די האָר פון קאָפּ.

**אמר,** האָט אים מיין טאַטע געפרעגט: וואָס איז מיט דיר געשען? האָט ער געענטפערט: אוי איז מיר וואָס איך האָב דיר נישט געפאָלגט! האָט אים מיין טאַטע געפרעגט: זאָג מיר וואָס קומט פאַר מיט דיין נשמה? האָט ער געענטפערט: ווען מיין נשמה איז אַרויס, איז געקומען אַ שד, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסע קוּ, און האָט געברענגט אַ כלי מיט פעך און שוועבל און זאַלץ, און האט גענומען מיין נשמה און אַריינגעלייגט אין די כלי, און די נשמה האָט נישט געקענט אַרויסגיין פון דעם. איז געקומען אַ מלאך פון בית דין של מעלה, און האָט גענומען די כלי מיט מיין נשמה פון דעם שד און האָט עס געשטעלט פאַר דעם בית דין הגדול פון דעם באַשעפער פון די נשמות. איז אַרויס אַ בת-קול פון דעם בית דין און האָט צו מיר געזאָגט: האָסטו געלערנט? האָב איך געזאָגט: יאָ, איך האָב געלערנט! האָט ער גלייך געהייסן ברענגען אַ חומש און האָט צו מיר געזאָגט: לערן אין אים! באַלד ווי איך האָב געעפנט דעם ספר, האָב איך געפונען ווי עס שטייט: ״לא תשחית את פאת זקנך״, און איך האָב נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. איך האָב באַלד געהערט אַ קול אויסרופנדיג: לייגט אַריין די דאָזיגע נשמה אין דעם נידעריגסטן שטאַפּל פון גיהנם! טראָגנדיג אַהין מיין נשמה, איז אַרויס אַ בת-קול וואָס האָט געזאָגט: וואַרט צו, – מיין זון יהודה דאַרף אים פרעגן אַ שאלה, און איצטער בעט ער רחמים פאַר זיין נשמה ער זאָל מיט אים רעדן, דערפאַר זאָל עס נישט אַראָפּגיין אַהין, עד כאן לשונו. קוקט זיך צו, טייערע ברידער און פריינט, און זעט וואָס עס גייט אַריבער אויף די נשמה פון דעם רשע.

## אַ מעשה מיט אַ אָקס וואָס האָט דערציילט צו אַ מענטש אַז ער איז אַ גלגול פון אַ נשמה, און ער האָט געבעטן מען זאָל אים שחט'ן.

**ד. ובספר,** אין **ספר חרדים** שטייט, אין דער שטאָט קאשטילאה האָט זיך געטראָפן, די שפּאַניער האָבן אָנגעגרייט אַן אָקס צו שפּילן זיך מיט אים, אַזוי ווי זיי זענען געוואוינט געווען צו טוהן אַלע יאָרן, אין אַ געוויסן טאָג פלעגן זיי נעמען אַן אָקס און אים שלאָגן און פּייניגן.

**בלילה,** אין דער נאַכט וואָס פאַר דעם טאָג, איז געקומען צו אַ איד זיין פאָטער צום חלום, און ער האָט אים געזאָגט, דו זאָלסט וויסן, מיין זוהן, אַז דורך מיינע גרויסע זינד בין איך מגולגל געוואָרן אין אַן אָקס, און דאָס איז דער אָקס וואָס איז אָנגעגרייט אויף מאָרגן אַז די שפּאַניער זאָלן אים אָנטוהן שווערע עינויים און יסורים, דעריבער, מיין זוהן, לייז מיך אויס און זיי מיך מציל, ווייל איך וועל אַנטלויפן דורך דעם און דעם וועג איידער זיי וועלן מיך הרג'ענען און איידער זיי וועלן מיך פאַרצוקן, און דו זאָלסט מיך אויסלייזן און דו זאָלסט נישט שוינען אויף דיין געלט, און דו זאָלסט קוילן דעם אָקס און דאָס פלייש זאָלסטו מאַכן עסן פאַר אָרימעלייט וואָס קענען לערנען. אַזוי האָט מען מיר מודיע געווען פון הימל און מען האָט מיר געגעבן רשות איך זאָל דאָס דיר זאָגן, און דורך דעם וועסטו אומקערן מיין לייב פון אַ גלגול בהמה מגולגל צו ווערן אין אַ מענטש, און איך וועל מיט'ן אויבערשטן'ס הילף זוכה זיין צו דינען דעם אויבערשטן. און אַזעלכע מעשים האָבן זיך פיל געטראָפן. פרעג די אַלטע לייט, וועלן זיי דיר דערציילן.

**לכן,** דעריבער, יעדער מענטש וואָס ער האָט מורא פאַר'ן אויבערשטן און ער האָט אַ ווייך האַרץ און ער קען דעם אויבערשטן זיין גאָט, און ער וועט תשובה טוהן אויף זיינע זינד וועט ער אומקערן דעם גרימצאָרן פון זיך, און אַז זיין נשמה וועט אַרויסגיין פון אים וועט ער

רוען און וועט זיך באַשיצן אין דעם שאָטן פון דעם אויבערשטן אין גן עדן, ווייל ער איז אַ דערבאַרעמדיגער גאָט און ער פאַרמערט צו טוהן גוטס, און אויף דעם אָרט וואָס די בעלי תשובה שטייען קענען די רעכטע צדיקים נישט שטיין. דעריבער וועל איך שרייבן אַ באַזונדערן פרק וועגן די ענינים וואָס העלפן צו די תיקונים פון דעם מענטש צו זען אין דער זיסקייט פון באַשעפער און צו זיצן אין זיין היכל.

❀ ❀ ❀

## הוספה לאות ד׳ - ע׳ ט״ז

## מענטשן ווערן איבערגעדרייט אויף אָקסן

**אַמאָל** האָט רבי יעקב אַבולעפיע געדאַרפט אַרויס פאָרן קיין חוץ-לארץ. איידער ער איז אַרויסגעפאָרן, איז ער געגאַנגען צום אר״י הקדוש. דער אריז״ל האָט אים געזאָגט גלייך ביים אַריינקומען, נאָך איידער ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן: איך ווייס אַז דו דאַרפסט פאָרן קיין מצרים, און דו ווילסט אַ המלצה-בריוו צו די גרויסע לייט פון דער מדינה. אָט האָסטו דאָס המלצה-בריוו וואָס איך האָב שוין אָנגעגרייט פאַר דיר. נעם דאָס און פאָר מיט דעם לשלום!... ווען דער אר״י הקדוש האָט אויסגעשטרעקט דעם פאַפיר צו אים, האָט ער צוגעגעבן: ״אַזוי ווי מיט דיין נסיעה איז פאַרבינדן אַ חשוב׳ער און וויכטיגער ענין. דאָס וועסטו געוואָר ווערן אויפן וועג צוריק, דעריבער פאָר וואָס גיכער, טראָץ דעם וואָס דער צוועק פון דיין נסיעה איז נישט אַזוי וויכטיג״.

**האָט** רבי יעקב גענומען דעם בריוו, און האָט צוגעאיילט אַלעס וואָס ער דאַרף צוגרייטן צום וועג, און איז אַרויסגעפאָרן. אין מצרים האָט רבי יעקב דורכגעפירט מיט גרויס הצלחה דעם צוועק פון פאָרן. דער המלצה-בריוו פון אר״י הקדוש האָט אים אַסאַך געהאָלפן. אין יעדן אָרט האָט מען אים שטאַרק צוגעהאָלפן אין זיינע ענינים. עס איז נישט אַריבער קיין סאַך צייט, און ער האָט צופרידן און פריילעך אָנגעפאַנגען איינצופאַקן זיינע פעקלעך, און איז שוין געווען גרייט אַהיים צופאָרן קיין צפת...

**איז** רבי יעקב אַרויסגעגאַנגען זוכן אַ סטאַדע קעמלען וועלכע שפרייזן דורך דעם מדבר סיני און פאָרן קיין ארץ ישראל. אַזוי זוכנדיג, האָבן אים זיינע באַקאַנטע פאָרגעשלאָגן, ער זאָל בעסער זיך קויפן אַן אייזל און זיך צוטשעפען צום קאַראַוואַן קעמלען, וואָס שטייט שוין גרייט אָפּצופאָרן קיין ארץ ישראל, ווייל דאָס רייטען אויף אַ קעמל איז זייער שווער און שוואַכט אָפּ.

**די** עצה איז געפעלן רבי יעקב׳ן, און ער האָט שנעל געקויפט אַ שטאַרק און געזונט פערד, כדי ער זאָל קענען לייכט טראָגן אים מיט זיין לאַסט. ער האָט באַצאָלט פאַרן הויפּט פון קאַראַוואַן שוץ-געלט, ווי עס איז געווען איינגעפירט, און האָט זיך אָנגעשלאָסן צו די איבעריגע רייטערס פון דער רייזע.

**יעדע** נאַכט האָט דער קאַראַוואַן זיך אָפּגעשטעלט צו נעכטיגן, טייל מאָל בייטאָג האָבן זיך די רייטער׳ס אויך אָפּגעשטעלט, כדי צו געבן די בהמות צו עסן און זיך אָפּצורוען, און זיי אַליין האָבן זיך אויך דאַן אָפּגערוהט די ביינער אַביסל פון דער מוטשעניש פון וועג.

**אין** איינע פון די סטאַנציעס, איז אויך רבי יעקב אַראָפּגעגאַנגען גלייך ווי אַלע רייזענדע פונעם אייזל, און האָט געפונען אַ שטיקל אויסגעטראָטענעם וועג, וואו ער האָט אַוועקגעלייגט זיין בינטל צו זיין קאָפּענס, און איז איינגעשלאָפן... צוליב זיין גרויס מידקייט, איז ער איינגעשלאָפן אין אַ טיפן שלאָף. ער האָט גאָרנישט געהערט און געשפּירט, אַז זיינע פריינד פון דער קאָמפּאַניע נעמען צונויף די בהמות און פאָרן ווייטער. עטלעכע שטונדן איז ער אָפּגעשלאָפן, ביז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און געעפנט זיינע אויגן.

**די** זון האָט שוין געהאַלטן ביים אונטערגיין, און רבי יעקב איז צוטומלט און פאַרצווייפלט אַליין אין דער וויסטעניש, אָן קיין שוץ פון חיות רעות, און שרעק פון פאַרשידענע מזיקים... פּלוצלונג הייבט ער אויף די אויגן און באַמערקט פון דערווייטנס אַ סטאַדע פון אָקסן וואָס אַ פּאַסטעך פּירט. סוף סוף! – האָט ער ענדלעך אָפּגעאָטעמט – מיט דעם פּאַסטעך וועל איך האָפנטלעך טרעפן אַן אָרט וואו צו נעכטיגן די נאַכט, און צופרי וועט ער מיר קענען צופירן צום ריכטיגן וועג.

**ווען** ער איז צוגעקומען נאָנט צו זיי, האָט ער צו זיין גרויס וואונדער געזען, אַז די אָקסן אַקערן: און דער פירער שלאָגט זיי מיט גרויס

אַכזריות, און עס געשעט אַן אומבאַגרייפלעכער וואונדער: דאָס געשטאַלט פון איינער פון די אָקסן ענדערט זיך צו אַ מענטשליכע צורה, און הייבט אָן שלאָגן די גאַנצע סטאַדע מיט שרעקלעכע גרויזאַמקייט געגני׳ ווי דער פריערדיגער!...

**רבי** יעקב איז געשטאַנען דערשטוינט, וואָס איז דאָס? אַ שרעקעדיגער חלום אָדער אַ פאַלשער דמיון. אָט זעט ער, ווי יעדער ווײלע קערט זיך איבער איין אָקס פון די סטאַדע צו אַ מענטש, און האַקט אַריין שרעקליכע קלעפּ אויף די אַנדערע בהמות, נאָכדעם ווערט ער צוריק אַן אָקס, און כאַפּט אַריין מורא׳דיגע קלעפּ פון אַ נייעם פאַסטעך...

**דער** צוטומלטער רבי יעקב האָט נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר פאַר זיינע אויגן. אין צווישן איז די זון אונטער געגאַנגען און ס׳איז טונקל געוואָרן, באַמערקט ער, ווי אַלע אָקסן ווערן מענטשן, און זיי דערנענטערן זיך צו אים מיט אַ ביטער געוויין:

**אפשר** קענט איר רבי יצחק לוריא אשכנזי פון צפת?... יאָ, ריכטיג... איך קען אים – האָט ער געענטפערט, איך בין איצט טאַקע אויפן וועג קיין צפת, איך האָב אַ שליחות צו אים, אָבער בלאָנדזשע אין וועג. ווען איך האָב אייך געזען פון דערווייטנס, האָב איך זיך געאיילט צו אייך, בעטן אַן עצה, וויאַזוי צו געפינען דעם וועג קיין ארץ ישראל!...

**ווען** די מענטשן-אָקסן האָבן געהערט זיינע ווערטער, זענען זיי געפאַלן צו זיינע פיס, און האָבן זיך געבעטן: ״האָסט דאָך געזען אונזער פירונג און אונזער צער, וואָס מיר פלאָגן זיך, און ס׳איז נישט דאָ אין דער גאַנצער וועלט ווער ס׳זאָל אונז קענען העלפן, נאָר דער אר״י הקדוש פון צפת... דעריבער בעטן מיר דיך מיט אַלע סאָרטן געבעט, אַז ווען דו וועסט קומען אַהין, זאָלסטו אים דערציילן אַלעס וואָס דיינע אויגן האָבן דאָ געזען. אונזערע כוחות גייען אויס, און מיר

קענען נישט אַריבער טראָגן דאָס מוטשעניש, מיר בעטן: דער אר״י הקדוש זאָל מתקן זיין אונזערע נשמות, און ס׳זאָל שוין קומען אויף אונז אַ אויסלייזונג און אַ מנוחה!...

**רבי** יעקב האָט זיי צוגעזאָגט, אַז ער וועט טאָן געגוי אַזוי ווי זיי האָבן אים געבעטן. דאַן האָבן זיי אים צוגעפירט צום ריכטיגן וועג און באַגלייט, ביז ס׳איז אים געלונגען צו דערגרייכן דעם גמלים-קאַראַוואַן מיט וועלכן ער איז אַרויס פון מצרים, און ער האָט פאָרגעזעצט זיין רייזע צום הייליגן לאַנד.

**ווען** ער איז אָנגעקומען קיין צפת, איז ער גלייך געגאַנגען צום אריז״ל. ער האָט אים אַנטפּלעקט, נאָך איידער ער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן, וועגן די מעשה פלא פון די מענטשן-אָהקסן. – ער האָט מסביר געווען פאַר רבי יעקב׳ן וואָס איז געווען דערשטוינט, אַז די מענטשן בשעת זיי האָבן געלעבט האָבן זיי ראַזירט זייער באָרד מיט אַ גאָל מעסער, דעריבער זענען זיי פאַר׳משפט געוואָרן ביים בית דין של מעלה, אַז זייערע נשמות זאָלן נאָכאַמאָל אַראָפּקומען אויף דער וועלט מיט אַ געשטאַלט פון אָקסן, און ליידן צער און גרויסע יסורים. יעצט אָבער איז געקומען די צייט, מען זאָל עפּעס טאָן פאַר זיי! – האָט דער אריז״ל אויסגעפירט – און ער האָט געגעבן פאַר רבי יעקב׳ן אַ תיקון תשובה וואָס ער זאָל טאָן פאַר די אומגליקלעכע...

**רבי** יעקב האָט מקיים געווען אַלע אָנווייזונגען וואָס דער אריז״ל האָט אים באַפוילן צו טאָן, ער האָט מתפלל געווען פאַר זייערע נשמות, געפאַסט תעניתים און געטאָן פאַרשידענע סיגופים אויסצולייזן פון אָפּגרונד די זינדיגע, און אויסלייטערן זייערע נשמות...

**ווען** ער האָט געענדיגט אַלע עניני תשובה וואָס מ׳האָט אים באַפוילן, זענען די דאָזיגע מענטשן אים געקומען אין חלום און אָנגעזאָגט

**די בשורה: ״תנוח דעתך״. אַ דאַנק פאַר דער טובה וואָס דו האָסט פאַר אונז געטאָן. ווייל זינט דו האָסט זיך באַשעפטיגט מיט אונזער תיקון האָבן מיר געהאַט אַ גרויסע עליה!...**

(ספורי עולמות עליונים)

❖ ❖ ❖